# די געפּלאַצטע סטרונעס

(דערציילונג) - פון לייבל באָטווינִיק

-1-

פון וואַנען ער איז געקומען און וואוהין ער איז פאַרשוואונדן האָט מען ניט געוואוסט. ווער ער איז -- איז געווען נאָך אַ גרעסערע מיסטעריע. אַ האָט מען אים, דאַכט זיך, געזען, און מיט אַ מאָל איז ער ניט געוואָרן. וועגן זײַן עלטער איז מען אויך ניט געווען זיכער: די האָבן געזאָגט, אַז ער זעט אויס צו זײַן אַ יונגער-מאַן, און אַנדערע -- אַז ער איז גאָר אַן אַלטער.

עלטערע פּויערים האָבן זיך געצלמט און געשוואוירן, אַז דאָס איז דער גײַסט פון אַן אַלטן ייִדן וואָס בלאָנקעט דאָ אַרום און שפּילט אויף זײַן פידל. די לאָקאַלע בלעטער האָבן צו נישט געמאַכט די דאָזיקע קלאַנגען און געמוסרט די באַפעלקערונג, אַז זי זאָל ניט גלייבן אין אַזעלכע זאַבאָבאָנעס.

פון דעסטוועגן, האָט קיינער -- אפילו די אָפיציעלע נײַעס-אַגענטור -- ניט געקענט דערקלערן פאַרוואָס מ'האָט פון דעם בירגערמײַסטערס הויז, אין דעם טאָג פון 23סטן מאַי 1981, אַוועקגעגנבעט אַן אַלטע פידל וואָס איז פון לאַנג דאָרט געשטאַנען אין שאַפע, הינטער אַ גלאָז, און פאַרוואָס מ'האָט איבערגעלאָזן אויף דעם אָרט איינע פון אירע 4 געפּלאַצטע סטרונעס.

די עלטערע שטעטלשע אײַנוואוינערס האָבן געוואוסט צו דערציילן, אַז די פידל האָט אַ מאָל געהערט צו אַ גוטן-ייִדן, ר' מאיר, וואָס איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער געגנט, ווי דער בעסטער פידל-שפּילער, און איז געשטאָרבן אין טראַגישע אומשטאַנדן, פּונקט דעם 23סטן מאַי 1938.

!************!

אַנגעהויבן האָט זיך עס אין אַ שטעטעלע, אין ווײַסרוסלאַנד, וואָס ליגט פאַררוקט הינטער וועלדער און אַזיערעס. ס'איז געווען אַנהייב זומער; אַ פּשוטער נאָכמיטאָג. די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל, און לײַכטע ווינטלעך האָבן געוויגט, ווי צום טאַקט, די גראָזן אויף די פעלדער און לאָנקעס.

צוויי ברידערלעך, מישאַ און וואַניאַ, אין עלטער פון 8 און 10 יאָר, האָבן זיך פאַרקליבן הינטערן שטעטל און זיך געשפּילט אין „מלחמה". פּלוצלינג האָט פון דער ווײַטנס, פון דער ריכטונג וואו ס'איז געשטאַנען אַ מאָל דער ייִדישער בית-עולם, זיך דערהערט אַ שפּילן פון אַ פידל. ווער קען דאָס שפּילן דאָרט? האָבן זיי זיך געחידושט. קיינער גייט דאָך ניט אַהין.

(זיי זײַנען געווען צו יונג צו וויסן, אַז אַלע ייִדן פון שטעטל האָבן די נאַצי-דײַטשע מערדערס מיט זייערע לאָקאַלע אַרויסהעלפערס אומגעבראַכט מיט קנאַפּע 40 יאָר צוריק; די אַלטע שול פאַרברענט; דעם בית-עולם צעשטערט, און די מצבות אויסגענוצט צו פאַרריכטן די וועגן. בלויז איין קליינער קבר-שטיין, פון אַ קינד מסתמא, איז נאָך דאָרטן פאַרבליבן, וואו צוויי אותיות „ע"ה", זײַנען נאָך געווען קענטיק.)

-- איז ווי אַזוי קומט, איצט, פון דאָרט אַ שפּילן ?

די צוויי ברידערלעך האָבן איבערגעריסן די „מלחמה" און נײַגעריקע זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דעם אָרט פון וואַנען די מוזיק איז געקומען. פון הינטער די קוסטעס האָבן זיי געקענט זען ווי אַ הויכער דאַרער מענטש, אָנגעטאָן אין מאָדנע, שוואַרצע, מלבושים שטייט אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו זיי און שפּילט אויף אַ פידל און ברומט עפּעס צו אַ ניגון מיט ווערטער אין אַ מאָדנעם לשון ...

דער 8 יאָריקער מישאַ , וואָס איז שטענדיק אַ דרייסטער און האָט קיין מורא ניט פאַר גאָרניט, האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון הינטער די קוסטעס, צולויפן צו דעם מענטשן און אים וואָרענען, אַז „דאָ איז אַ פאַרבאָטן אָרט, וואו ס'ליגן די ביינער פון די זשידעס" -- אַזוי האָט אים זײַן זיידע געהאַט דערציילט... נאָר זײַן עלטערער ברודער, וואַניאַ, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער פון העמד, און אים ניט געלאָזט זיך אַ ריר טאָן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל צווישן זיי.

-- „לאָז מיך אָפּ! איך וויל זען ווער דאָס איז".

-- „ניין! איך לאָז דיך ניט. ווער ווייס, אפשר איז ער אַ גנב, צי גאָר אַ משוגענער? וואָס טוט ער דאָ אין די פּוסטע ערטער ?"

נאָר אין מיטן פון זייער אַמפּערניש, האָט די מוזיק אויפגעהערט. די צוויי ברידערלעך האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און, אין איין אָטעם, אַהיים געלאָפן און דערציילט דער מאַמען וואָס סע האָט געטראָפן.

דערווײַלע, איז דער טאַטע צוריקגעקומען פון דער אַרבעט בײַ די באַנליניעס

און -- ער האָט זיי געוואָלט באַשטראָפן, ווײַל זיי האָבן ניט געטאָרט גיין דאָרט וואו די גײַסטער פון די זשידעס וואַנדערן אַרום פרײַ ... זײַן ווײַב האָט אים אָבער, מיט גוטן, אײַנגעשטילט און אויף אים געווירקט צו נעמען די קינדער און גיין אַהין, צום אָרט פון ייִדישן בית-עולם צו זען וואָס עס טוט זיך דאָרט.

ביז זיי האָבן זיך אויסגעקליבן, און ביז זיי זײַנען דאָרט אַהין אָנגעקומען, האָט שוין אָנגעהויבן ווערן פינצטער. פון דער ווײַטנס האָט זיך עפעס געהערט אַ שפילן ווי פון אַ פידל. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער איינציק פאַרבליבענער קינדערישער מצבה האָט דער פויער באַמערקט -- אָדער ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט -- ווי אַ דינער דראָט, אָדער אַ סטרונע ליגט אויפן קבר-שטיין. ווי נאָר ער האָט געוואָלט צוגיין נענטער און עס אָנכאַפן, האָט אַ ווינטל אַ בלאָז געטאָן און די דינע זאַך איז גלײַך פאַרשוואונדן צווישן די הויכע גראָזן... אַ פאַרציטערטער, האָט דער פויער זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט, האָט אַ כאַפ געטאָן ביידע קינדער, און אַנטלאָפן אין דער גרעסטער אײַלעניש.

!************!

אַזוי ווי אַ ווינט האָט די דאָזיקע נײַעס זיך פונאַנדערגעטראָגן פון איין אָרט צום צווייטן. ווי די טעג וואַקסן אָנהייב זומער, אַזוי זײַנען געוואַקסן די מעשׂיות און לעגענדעס וועגן דעם מיסטעריעזן פידלער. אין פאַרשיידענע שטעטלעך און דערפער האָט מען אָנגעהויבן „הערן" מאָדנע מעלאָדיעס. און ניט נאָר פראָסטע דאָרפסלײַט, נאָר אפילו אויפגעקלערטע אַרבעטער-קאָמוניסטן האָבן געשוואוירן, אַז זיי אַליין האָבן געהערט אַן אומגעוויינטלעך פידל שפילן ...

ווען ס'איז דערגאַנגען די נײַעס, אַז די פידל פון דעם גרויסן ייִדישן קלעזמער, ר' מאיר, איז פאַרשוואונדן, פונקט דעם 23סטן מאַי (ד.ה. די דאַטע פון זײַן טויט) -- האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגיין קלאַנגען, אַז נאָך 43 יאָר, איז די נשמה פונעם ייִדן צוריקגעקומען כּדי צו נעמען נקמה ...

די עלטערע אײַנוואוינערס וואָס געדענקען נאָך ווי ייִדן האָבן אַמאָל געלעבט צווישן זיי, האָבן ניט אויפגעהערט צו זאָגן שבחים וועגן דעם אַלטן ר' מאיר:

איין מאָל, האָבן זיי דערציילט, האָט דער דאָזיקער ייִד מיט זײַן שפילן אויפגעוועקט פון אַ קאָמאַ דעם פריצס זון. ר' מאיר אַליין האָט אפילו ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ גרויסע זאַך ער האָט דאָ אויפגעטאָן. ס'איז געווען אַזוי:

דער ייִד האָט, בעתן אַרומוואַנדערן פון איין אָרט אין צווייטן, זיך אָפגעשטעלט אין אַ דאָרף כּדי מהנה צו זײַן די דאָרטיקע ייִדן מיט זײַנע ניגונים. דאָס שפילן איז, ווי ס'ווײַזט אויס, דערגאַנגען צו דעם קראַנקנס צימער, דורכן אָפענעם פענצטער, אין דעם פריצס גוט, און האָט אים אויפגעוועקט פון זײַן חלשות ... אָבער אַנטיסעמיטישע העצערס האָבן ר' מאירן באַשולדיקט, אַז ער האָט גאָר מיט זײַנע זשידאָווסקי מעלאָדיעס אַרײַנגעפירט דעם יונגן פריץ אין אַ קאָמאַ כּדי אים דערנאָך צו קענען אויפוועקן און באַקומען דערפאַר אַ באַלוינונג ... אין עטלעכע וואָכן שפעטער, זײַנען שקצים באַפאַלן דעם אַלטן פידלער, האָבן אים שטאַרק צעשלאָגן, און צוגענומען זײַן פידל. ר' מאיר האָט עס ניט געקענט אויסהאַלטן, און איז אין אַ קורצער צײַט אַרום -- טאַקע דעם 23סטן מאַי, 1938 -- אַוועק פון דער וועלט. די פידל איז דערנאָך דורכגעגאַנגען דורך פאַרשיידענע הענט, ביז זי איז מגולגל געוואָרן אין דעם בירגערמײַסטערס הויז.

!************!

און אַזוי איז די מעשׂה וועגן מיסטעריעזן פידלער, און אַזוי אויך זײַנען די קלאַנגען אַז מען הערט זײַן שפילן, אַרומגעגאַנגען אַ היפשע צײַט אין דעם גאַנצן געגנט ביז -- ווי דער שטייגער איז מיט אַזעלכע געשיכטעס -- ס'איז ווידער שטיל געוואָרן ...

-2-

אין קאַליפאָרניע איז שוין געווען סוף זומער. די זון איבערן שטעטל, ניט ווײַט פון סאַן-פראַנציסקאָ, האָט אָנגענעם געוואַרעמט, און די שטראַלן האָבן ווי אַרומגעשפילט זיך איבער די כוואַליעס פון ים וואָס איז געווען קוים אַ האַלבער מײַל פון דעם ייִדישן קהילה צענטער. הײַנט האָט דאָ געדאַרפט פאָרקומען אַ מוזיקאַלישער אָוונט.

אַ ווײַט ברומען פון אַן אָנקומענדיקן מאָטאָציקל האָט אַדורכגעשניטן די שטילקייט פונעם אַרום. באַלד איז דער „סוזוקי דזשיעס 750" (מאָטאָציקל) שוין געשטאַנען לעבן אַרײַנגאַנג פונעם בנין. מאַרק גאָטליב, אַ הויכער, שלאַנקער, בחור פון אַ יאָר 25, מיט געקרײַזלטע טונקל-ברוינע האָר און

בלויע אויגן, אָנגעטאָן אין אַ לעדערנעם רעקל, איז אַראָפּ פון זײַן צוויי-רעדלדיקער מאַשין און האָט גענומען אָפּבינדן זײַנע מוזיק-אינסטרומענטן.

אין זאַל זײַנען שוין געזעסן בחורים און מיידלעך, ווער אָנגעטאָן אין קורצע הויזן, ווער אין לאַנגע און האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויף מאַרקן וואָס איז בײַ זיי שוין לאַנג ניט געווען.

--- „איך בין ערשט צוריקגעקומען פון אַ רײַזע איבער מיזרח אייראָפּע און ישׂראל," האָט ער אָנגעהויבן דעם אָוונט. „און איך האָב פאַר אײַך אַ סך נײַע ייִדישע און העברעיִשע לידער."

ער האָט זיי אויסגעטיילט בויגנס מיט טעקסטן -- אַ טייל מיט איבערזעצונגען פון די לידער -- און האָט אַפּריִער פאַר זיי געזונגען, און זיך באַגלייט אויף דער גיטאַרע. דער יונגער עולם האָט די לידער דערנאָך עטלעכע מאָל איבערגעזונגען.

--- „און אַצינד, האָב איך פאַר אײַך אַ סורפּריז" האָט מאַרק אַ שטאָלצער אַ זאָג געטאָן. ער האָט אַוועקגעלייגט די גיטאַרע און אַרויסגענומען אַן אַלטע פידל וואָס זיי האָבן בײַ אים קיינמאָל ניט געזען. ער האָט פאַר זיי אויסגעשפּילט אַ פּאָר ייִדישע ניגונים וואָס האָבן זיי אַלעמען ווי פאַרכּישופט.

--- „וועמענס איז די פידל?" האָט אַ מיידל געפרעגט. „זי זעט אויס צו זײַן זייער אַן אַלטע."

--- „זי איז געווען מײַן עלטער-זיידנס, נאָך וועמען מען האָט מיר אַ נאָמען געגעבן ... ער האָט געהייסן מאיר, און איך הייס אויך אַזוי, נאָר אַלע רופן מיך מאַרק... די פידל איז טאַקע אַן אַלטע, אָבער די סטרונעס זײַנען נײַע."

--- „און פאַרוואָס האַלטסטו אין דײַן פידלשייד צוויי אַלטע צעריסענע סטרונעס?" האָט איינער באַמערקט.

--- „אָ, דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע... די סטרונעס זײַנען פון מײַן עלטער-זיידנס פידל. ער איז געווען אַ וואונדערלעכער פידלער און בעל-מנגן -- האָט מײַן טאַטנס טאַטע מיר געהאַט דערציילט -- נאָר אין 1938, אין צפון פוילן, זײַנען אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס אים באַפאַלן, אים צעשלאָגן, און צוגענומען זײַן פידל. דער אינסטרומענט איז דעמאָלט אַדורכגעגאַנגען דורך פאַרשיידענע הענט, ביז ער איז אַרײַנגעפאַלן אין דעם הויז פון דעם דעמאָלסטדיקן בירגערמײַסטער פונעם שטעטל. און אַ מאָדנע זאַך האָט פּאַסירט: פונקט אין יענעם טאָג ווען מײַן עלטער-זיידע, ר׳ מאיר ע"ה, איז אַוועק פון דער וועלט, האָבן אַלע פיר סטרונעס פון זיך אַליין פלוצלינג געפּלאַצט. זינט דעמאָלט האָבן אַלע מורא געהאַט אָנצורירן די פידל."

--- „דעם זומער," האָט מאַרק ווײַטער דערציילט, „האָב איך באַקומען די ירושה וואָס סע קומט מיר ... איך וועל זי איבערגעבן מײַנע קינדער, און זיי -- זייערע קינדער. אַ גיטאַרע איז טאַקע אַ פײַנער און נוצלעכער אינסטרומענט, אָבער זי קומט גאָרניט צו דער דאָזיקער פידל. אָט די געפּלאַצטע סטרונעס זײַנען אַן איבערבלײַבעניש פונעם נעכטן; די פידל גיב איך איבער דעם מאָרגן; און די ניגונים ... די ניגונים זײַנען דאָך אייביקע."